בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של רביה"ק מוהר"ן מברסלב זי"ע

מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות מאנ"ש מדורות הקודמים

~ **אידיש** ~

קונטרס מ"ד, ואתחנן (נחמו), תשע"ט

# תוכן השיעור

'קשוט עצמך'

'וגילו ברעדה'

'יאה עניותא ליהודאי'

'חתיכת לחם להעביר רעבונו'

'יזכיר לו יום המיתה'

'כאחד מן הגדולים'

'שב לימיני'

'ה' עליהם יחיו'

'לגלות קדושתה'

'שמצידו לא יהיה עיכוב משיחא'

'ואף גם זאת בהיותם בארץ אויביהם'

'איש תם'

להאזנה אל כל השיחות שי"ל על ידינו

**079-5281887**

ארה"ב: **1-646-585-2960** ואח"כ להקיש את המס' הנ"ל

אירופה: **033-03900485** ואח"כ להקיש את המס' הנ"ל

**לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש 2 ואח"כ 44**

©

כל הזכויות שמורות

**הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל:**

יוסף מענדל האס, מאנסי ארה"ב

**1-845-200-0443** (מארה"ק: **072-257-3456**)

לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (**MP3**) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:

**Rlyb148@gmail.com**

כמו כן ניתן לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של $15 עבור הוצאות עריכת הקונטרסים, נא לפנות אל מס' **347-232-7166 (1+)**

# פרשת חקת (א'), תשל"ד

## - ובו שיעור בספה"ק ליקו"מ תו' נ"ה -

(טייפ מס' 41#)

## 'קשוט עצמך'

(חסרה ההתחלה, כנראה שמדבר בענין מאמר הבעש"ט ז"ל: "שענדן זאלסטו שענדן זיך, און ליבן זאלסטו ליבן דעם אויבערשטן"!)[א]

א מענטש רעדט צום אויבערשטן דיבורים, (דארף ער וויסן -) דער אויבערשטער איז גערעכט, און איך בין אום-גערעכט!

דאס ליגט דאך אין דעםווארט: "דעם אויבערשטן ליבן, און זיך שענדן"! דער אויבערשטער איז גערעכט און איך בין אום-גערעכט!

ס'איז געווען ביי אונז ממש א "איסור", מען איז זיך צונויף געקומען, האט מען קיינמאל נישט גערעדט קיין ווארט פון יענעם! (- בגנותו), נאר גערעדט פון זיך!

מ'האט מהדר געווען דעם רבי'נס זאך, געגלויבט יעדן דיבור פונעם רבי'ן, יעדע שיחה פונעם רבי'ן, און דעם רבי'נס מענטשן, דאס איז אינגאנצן דער חיזוק אלץ געווען! און ס'האט זיך טאקע געהאלטן ברוך השם!

❖

## 'וגילו ברעדה'

איך געדענק אמאל א חתונה אין אומאן, אמאל א חתונה איז געווען - ארימעלייט, א שטיקל ברויט, מאכן א מלבוש פאר איר, און קויפן א צובראכן בעטל, מיט א בענקל מיט א טישל, טאקע א "ארימע חתונה"! דער רבי זאגט דארטן אין די מעשה

---

[א] עי' שיח שרפי קודש (החדש) וז"ל: אמר הבעש"ט הק', מיסוד וכלל דרך העבודה הוא, שיתבייש ויחרף האדם תדיר את עצמו ויהלל וישבח את ה' תמיד, ואמר בזה הלשון: "שענדן זאלסטו שענדן זיך, און ליבן זאלסטו ליבן דעם אויבערשטן".

פון די "ז' בעטלערס", אויסגעגראבן א גרוב און פארדעקט מיט מיסט - (עיי"ש), און וואס ס'איז איבערגעבליבן פון דעם האט מען געמאכט (די סעודת החתונה), "און דארטן איז מען געווען **פרייליך"!** (עיי"ש), דארט איז מען געווען גוט פרייליך!

אזוי איז געווען (- אצל אנ"ש באומאן), איך געדענק אזעלכע חתונות ביי אונז! ממש מען האט צונויף גענומען - מען האט זיך געוואשן אויף צונויף-גענומענע ברויט, א שטיקל הערינג, און דעם "תמ'ס משקה" (היינו מים), א גלאז טיי, און דארט איז מען געווען פרייליך! איך געדענק אזעלכע חתונות.

איך געדענק נאך הערש לייב'ס חתונה (גיסו רבי צבי ארי' ליפל ז"ל), אוי - די שמחה וואס דארט איז געווען אויף די חתונה! אזא שמחה מיט אזא מין יראה, עפעס אזא מין יראה, ס'האט עפעס אזוי געשיינט די שמחה! 'ברוך' (חתן רבי געצע ז"ל) האט זיך צולאזט מיט 'ריקוד' שעה'ן! שעה'ן!

פון די וואס האבן געטאנצן האט זיך געגאסן די שוויס, מיט אזא מין יראה פאר'ן אויבערשטן, ס'איז געווען אזא מין לעכטיגקייט איז געווען די נאכט, און וואס איז געווען (לאכול) - איך ווייס וואס, א "כזית חלה", וואס איז געווען וואס? און דארט איז מען געווען פרייליך! און דארט איז מען געווען פרייליך!

היינט איז א געשעפט געווארן מיט די חתונות, די מותרות פון די חתונה, די סעודות מיט די מעשה'ס... ווען ס'קומט צום עיקר איז מען שוין פארמאטערט, ס'איז שוין נישט דאס.

איך געדענק חתונות, אוי אוי, אזא מין התעוררות לתשובה איז געווען ביי א חתונה, א שמחה מיט אזא מין יראה, א געוואלד, א געוואלד![ב]

מען האט זיך טאקע דערמאנט די חתונה פון די קינדער פון די "ז' בעטלערס", מען האט זיך דערמאנט פון דער חתונה!

---

[ב] עי' רמזי המעשיות להרב מ'טשערין ז"ל - מעשה י"ג מהז' בעטלערס: עוד מובן שם איך שכשמגיע להאדם איזה זמן של שמחה (כגון שמחת חתונה וכיוצא) צריך להזכיר את עצמו החסדים שעשה עמו השי"ת מעודו עד היום הזה וליתן להשי"ת שבח והודיה על כל זה מתוך שמחתו ולהתעורר מתוך שמחתו בכיסופין וגיעגועין גדולים להשי"ת שגמל ועשה עמו חסדים כאלה דייקא, כי הכל רק בתורת נדבה חנם מאתו ית'.

(ר' נחמן בורשטיין: ס'איז דא א בריוו פון "ר' נתן לייבעלע ראובן'ס", שרייבט ער אז יעדע חתונה האט א חלק אין דער חתונה!) **יא יא.**[ג]

❖

(השואל: די וואס זענען אויפגעשטאנען חצות פלעגן גיין אויף חתונות?) **יא, מען איז געגאנגען געוועגליך! איך זאג דיר, א חתונה איז געווען א התעוררות לתשובה! א התעוררות לתשובה! געוואלד געוואלד ממש - - -**

(השואל: עס פלעגט געדויערן חתונות ביז פארטאג?) **אינמיטן די נאכט! א התעוררות לתשובה געוועזן, א געוואלד!**

(שואלים איך היתה החתונה של ר' הירש לייב ליפל - גיסו) **ביי הירש לייב'ן איז די חופה געווען פרייטאג פארנאכט, און די סעודה איז געוועזן מוצאי שבת!** (השואל: וואו? אין א זאל? אין שוהל?) **ניין, ביי נחום שוסטער אין שטוב! די סעודה איז געווען מוצאי שבת, ס'איז דארטן געווען מער מאדערנע חסידים אויך, זיי זענען אלע געווען, זיי זענען אלע געקומען, דער שווער** (ר' אהרן קיבליטשער ז"ל) **האט דאך שוין נישט געלעבט, א יתומה** (הכלה)**, זענען אלע געקומען.**

**איז געווען אזא מין התעוררות, איינער איז געווען א שטיקל משכיל דארט, מען האט זיך אזוי געטאנצט, ס'איז אזוי געווען, האט ער אנגערופן זיך: "רבותי, איצטער זענען מיר פרייליך, וואס וועלן טוהן דער חתן מיט די כלה מארגן, זיי וועלן דאך נישט האבן וואס צו עסן, ארימעלייט, וואס וועלן זיי טוהן מארגן"?! האט ער זיך אנגערופן דער מאדערנער: "דארף מען זעהן זיי מאכן א שטיקל מעמד"!**

**ער זאל זיך אנרופן די זאך?! ווען איך גיי צו איהם בעטן וואלט ער מיר אפילו קיין פיאסטער נישט געגעבן!... נאר אז ער איז אזויפיל נתעורר געווארן פון די ריקודין מיט די התעוררות, אז ער האט זיך אנגערופן - -**

**ס'איז געווארן - ער האט ארויסגענומען א שיינע מטבע, האט ער געגעבן, ס'איז געווען א התעוררות** (משאר אנשים)**, און מען האט גענומען די געלט, מען האט עס**

---

[ג] עי' נתיב צדיק - ר"ח שבט תרל"ז: ...וכל החתונות שבעולם הם רמז מזה החתונה, ובפרט אצל אלו שמאמינים באלו הדיבורים בודאי הרמז גדול עד למאוד, באדארף מען טאקע אהאילי טוהן בחדוה גדולה...

**אוועקגעגעבן "חיים שבתי'ס", און א שטיק צייט האבן זיי געהאט צו לעבן דערפון! ער האט ארומגענומען** (משקיע געווען)**, און** (באקומען) **פראצענט אליץ מסחר - א שותף!**

**און דער דאזיגער - ער איז נתעורר געווארן אז מען זאל דאס טוהן, ס'איז דאך א געוואלדיגע זאך, איך בין גארנישט געפאלן אויף דער זאך!**

**איך דערצייל עס, אז אזא מין התעוררות לתשובה איז געווען פון דער חתונה, אז ער האט זיך אנגערופן "וואס וועלן זיי טוהן מארגן? מארגן וועלן זיי דאך נישט האבן וואס צו עסן"!...**

❖

(ר' נחמן בורשטיין: אויף די שמחה פון די ז' בעטלערס האט דער רבי געזאגט: **"איך וועל אייך דערציילן ווי אזוי מען איז אמאל פון א מרה שחורה פריייליך געווארן"**, ר' אברהם ר' נחמן'ס שרייבט אזוי, אין חיי מוהר"ן שטייט אויכעט אז ס'פעהלט א שטיקל דארטן, ר' אברהם ר' נחמן'ס שרייבט אז ער האט געהערט פון זיין טאטן, אין סיפורי מעשיות אליין שטייט נאר **"אספר לכם איך היו שמחים"**).[ד]

(קוראים בספר חיי מוהר"ן:) **שאמר אז בזה הלשון, מה אתם יודעים איך לשמוח מתוך מרה שחורה? אני אספר לכם, איך פעם אחת היו שמחים וכו'.**

**דער רבי האט געזאגט** (על פי ההמשך בחיי מוהר"ן שם:)**: "שמעתי" - דאס איז ר' נחמן טולטשינער - "מפי הרב נפתלי ז"ל", אז נאך וואס דער רבי האט דערציילט די מעשה פון די ז' בעטלערס, האט דער רבי זייער מפליג געווען במעלתה מאד מאד, און געזאגט - מען מעג פארן קיין בראד און אריינגיין אין שול אריין און זאגן דעם שמש ער זאל צונויף נעמען א עולם צו זאגן א דרשה און א קלאפ געבן אויפ'ן טיש און דערציילן די מעשה!**

(ר' נחמן בורשטיין: אויף די מעשה האט דער רבי געזאגט, ווען איך ווייס נישט - שום ענין אחר כי אם **זאת המעשה היה גם כן חידוש גדול מאד!**).[ה]

❖

---

[ד] עי' חיי מוהר"ן אות ס"ג, ובכוכבי אור - אמת ואמונה אות ט"ו.

[ה] עי' סיפורי מעשיות - בסוף המעשה מהז' בעטלערס.

# 'יאה עניותא ליהודאי'

אין דעם ענין פון עניות, יפה עניות לישראל,[1] האט אין זיך א מעלה, אז דורך א עניות קען מען גיכער האלטן דעם עיקר פאר אן עיקר! און ביי עשירות - אפילו די ערליכע אידן - די סיבובים פון די עשירות איז אזוי פיל גרויס, אז איך קום צום עיקר איז שוין די כוחות נישטא!

למשל, א סעודה איז עס דאך א גביר'ישע סעודה, אז ס'קומט צום עיקר פאלט מען שוין, מען איז שוין מיד! אבער ביי דעם ארימאן איז דאס נישטא, הייבט זיך שוין אן דער עיקר, ביים כזית ברויט מיט אביסל דארטן - דעם תם'ס משקה, הייבט זיך שוין אן דער עיקר! דער עיקר הייבט זיך שוין אן! אז דער טפל ציהט זיך גענוג לאנג, אז ס'קומט צום עיקר, פארגעסט מען שוין דעם עיקר! ס'איז א געוואלדיגע זאך.

❖

ר' מענדעלע איז געווען אמאל אין טשעהרין, געוועגדליך ר' אבא האט איהם געבעטן צו זיך (לארחו בביתו), "ר' מענדעלע ליטוואק", ר' אבא האט איהם געבעטן צו זיך, האט ער גענעכטיגט איין נאכט, די אנדערע נאכט האט ער שוין נישט געוואלט! די אנדערע נאכט האט ער שוין נישט געוואלט נעכטיגן ביי ר' אבא'לע! ער האט איהם א זאג געגעבן: **"אז דאס בייכל פארזוכט א יאייכ'ל פארגעסט ער אויפצושטיין חצות"!** (אחד הנוכחים: וויל ער שוין נישט קיין חצות אויפשטיין!), וויל ער נישט, פארגעסט ער! אזוי איז געווען.[2] ער האט מער נישט געוואלט!

ר' אבא האט געגעבן א גוטן מיטאג דארטן, "אז דאס בייכל פארזוכט א יאייכ'ל פארגעסט ער אויפשטיין - שטייט זיך נישט אויף קיין חצות"!

ביי זיי איז געווען א נאכט חצות - אזוי ווי צונעמען דאס חיות זיינע! ביי די אידן איז דאך געווען א געוואלדיגע זאך, א חצות! וואספארא חצות זיי האבן געהאט, ס'איז א געוואלד! א פארמעג! און יענער גיבט מיר אביסל יוך, און איך וועל אוועקגעבן דעם פארמעג, וואס מאך איך פאר א חילוף? וואס מאך איך פאר א

[1] עי' גמ' חגיגה דף ט' ע"ב.

[2] עי' שיש"ק ח"ד אות שכ"ו.

חילוף? איבער אביסל יוך?! א חיי עולם נעמסטו ביי מיר צו! וואס? נישט געוואלט! נישט געוואלט!

❖

# 'חתיכת לחם להעביר רעבונו'

**דער רבי האט געזאגט: איך האב געוואלט מיינע לייט, פרנסה - זאלן זיי גארנישט טוהן, נאר עבודת השם! אז ער וועט ווערן הונגעריג זאל ער אריינגיין אין א שטוב בעטן א שטיקל ברויט, און ווייטער טוהן (אין עבודת השם).**[ח]

ביים שווער האב איך עס געזעהן ממש! אין אומאן איז ער געווען, פארבראכט שיין (בתורה ותפלה), געדענק איך, ער איז געגאנגען אין א שטוב פאר א שטיקל ברויט, "גיבט מיר א שטיקל ברויט, איך האב נישט וואס צו עסן"! ער איז געגאנגען, ער האט זיך געוואשן זיך, און שוין ווייטער - ער דינט שוין ווייטער דעם אויבערשטן...[ט]

יוחנן (גלנט) דערציילט מיר, דער שווער איז געווען א גוטער מענטש אויך, ער פלעגט אוועקגעבן אן אנדערן אויך, אמאל איז ער צוגעגאנגען צו יוחנן: "יוחנן, נאדיר אויך א שטיקל ברויט, איך האב דאך (ממילא) נישט, קען איך אן אנדערן אויך געבן... גיב איך דיר"!

צומארגנס זאגט דער שווער: "נו, גיב מיר א שטיקל ברויט", (ענה לו ריו"ח) "נעכטן האסטו מיר געגעבן א שטיקל ברויט (היינט גיב איך דיר)"! דערציילט דאס מיר יוחנן מיט אזא מין תמימות... אז ס'איז נישט קיין נפקא מינה געווען, נעכטן האסטו נישט, גיב איך דיר, היינט - דו גיב מיר! און שוין, מען דינט שוין דעם אויבערשטן![י]

---

[ח] שיחות הר"ן אות רמ"ח: אָמַר, טוֹב הָיָה לְהָאָדָם שֶׁיִּבְחַר לוֹ אֵיזֶה מָקוֹם, וְיֵשֵׁב שָׁם יוֹמָם וָלַיְלָה, וְיַעֲסֹק בְּתוֹרָה וּתְפִלָּה וַעֲבוֹדַת ה', וּכְשֶׁצָּרִיךְ לֶאֱכֹל יָרוּץ לְתוֹךְ אֵיזֶה בַּיִת וְיִקַּח שָׁם בְּחִפָּזוֹן אֵיזֶה חֲתִיכַת לֶחֶם וְכַיּוֹצֵא לְהַעֲבִיר רַעֲבוֹנוֹ, וְאַחַר כָּךְ יַחֲזֹר לַעֲבוֹדָתוֹ. ועי' שיש"ק החדש על שיחה זו, ועי' גם השמטות שבסו"ס ד"ה "בדבר נסיון ובחירת [ראשי] הדורות".

[ט] עי' שיש"ק ח"ד אות של"ז.

[י] עי' שיש"ק שם אות של"ח.

האט מען מקיים געווען דאס דאזיגע, געדינט דעם אויבערשטן, 'הונגעריג', וואס איז שייך הונגעריג? געבן א שטיקל ברויט, דער שווער עסט אפ, און שוין, מען דינט שוין ווייטער דעם אויבערשטן!

אז דער עיקר איז געווען אזוי, דער עיקר איז געווען אזא עיקר, אז ממש ס'האט זיך נישט אנגעזעהן די אלע זאכן, ס'האט זיך נישט אנגעזעהן איינגאנצן, יא געגעסן - נישט געגעסן, אז ס'האט זיך גארנישט אנגעזעהן!

❖

איך געדענק, די שלש סעודות פלעגט זיין (בקיבליטש) ביי ר' חיים קיבליטשער, און אמאל איז עס געווען ביים שווער (ר' אהרן קיבליטשער) אבער מער פלעגט זיין ביי ר' חיים'ען, שלש סעודות.

(השואל: ער איז געווען א פארמעגליכער?) ניין, צוויי ארימע לייט געווען, צוויי שנארער'ס, צוויי ארימע לייט געווען, נאר צוויי גרויסע ערליכע אידן! אביסל חלה, עפעס א קופל טיי, האט מען דערלאנגט דארטן יעדן איינעם, א גלאז טיי, און מען האט גערעדט פונעם רבי'ן!

(השואל: ווער האט גערעדט? ר' חיים?) ר' חיים האט זיך משפיל געווען, רעדן האט ער גערעדט אסאך, נאר לערנען (פאר'ן עולם) האט ער קיינמאל נישט געוואלט.

ער האט איינמאל געלערנט, ס'איז געווען איינמאל א שבועות, מען האט איהם געבעטן זאגן, "דו מוזט זאגן", האט ער געזאגט! יעדע ווארט פונעם רבי'ן, א געוואלד א געוואלד! האט ער געזאגט א תורה, א גרויסער למדן געווען ר' חיים, א למדן עצום, א געשמאקער איד געווען דער ר' חיים!

❖

# 'יזכיר לו יום המיתה'

ער (ר' חיים) האט מיר דערציילט, אז ער איז געווען אמאל א מלמד ביי "נייַחע" ע"ה[יא] אין טשעהרין, פאר זיינע קינדער, ווינטער, נייַחע איז געווען א איד א גביר, ר'

---

[יא] "ר' נחמן ייבין" מחשובי אנ"ש, נכדו של הנגיד ר' אבא'לע מטשעהרין מתלמידי מוהרנ"ת.

אבא'לעם אן איניקל, א איד א גביר, א גרויסער גביר. ווינטער, די שניי איז גרויס, די קעלט, זאגט ער: "האב איך זיך געוואלט אויסמאלן דעם יום אחרון" - אזוי האט ער מיר געזאגט - "בין איך ארויסגעגאנגען אינדרויסן, איך האב זיך אוועקליינגט אויפ'ן שניי, איך האב זיך אויסגעצויגן אויפ'ן שניי, און געלעגן אויפ'ן שניי"...

ר' חיים האט מיר דערציילט אויף זיך: איך האב זיך געוואלט אויסמאלן דעם יום אחרון - ביי א גביר אין שטוב - און זיך אוועקגעלייגט, און ליגט אויפ'ן שניי אויסגעצויגן א שטיק צייט, דא ליגט חיים!

(השואל: ווער איז געווען דער וואס איז אריין אין קבר יעדן טאג?) **פון אונזערע לייט געווען, נישט יעדן טאג, יעדן טאג ווייס איך נישט, זיי האבן אינזינען געהאט דעם תכלית!**

(השואל: ס'איז געווען א מנין דארטן, ביי שלש סעודות, ביי ר' חיים'ען?) **ניין, ס'איז נישט געווען קיין מנין.**

❖

# 'כאחד מן הגדולים'

איינער איז געווען, דער שווער האט איהם געקענט, ער איז געווען א 'שמיד', נישט קיין גאלד שמיד, נאר א שמיד פון די פערד דארטן, ער פלעגט מאכן דארטן פאר די פיס די "פאדקעוועס", דאס הייסט "א רימער", דעם זוהן האב איך געקענט, ער פלעגט קומען צו ר' חיים'ען דער זוהן, האט מיר דער שווער דערציילט, אז זיין פאטער איז געווען א פראסטער מענטש (אדם פשוט), ער איז געוועזן א ברסלב'ער חסיד, א פראסטער מענטש, ער פלעגט זיצן ביים שלש סעודות, און האט תהלים געזאגט דארטן, אז מען האט אנגעהויבן רעדן פונעם רבי'ן האט ער פארמאכט דעם תהלים, "אז מען קוקט זיך איין - האט מען געזעהן אז ס'ווערט איהם נשתנה פניו! ער ווייסט אז מען רעדט פונעם רבי'ן"! מען האט געזעהן ממש די צורה ווערט איהם געביטן, איצטער רעדט מען פונעם רבי'ן!

ער זאגט תהלים, און ער ווייסט גארנישט וואס מען רעדט, נאר אז ער ווייסט אז מען רעדט פונעם רבי'ן - אן אנדער צורה! ער ווייסט אז מען רעדט פונעם רבי'ן!

אויף די עלטערע יארן האט ער שוין גארנישט געטוהן (לפרנסתו), פלעגט ער ארומגיין אין קיבליטש, ס'איז געווען א ארים שטעטל, איז ער ארומגעגאנגען בייטאג

מיט א וועגעלע, ער האט 'זיך' איינגעשפאנט, 'ער' איז געווען דער פערד, איינגעשפאנט, געגאנגען אין יעדע הויז, געבעטן מען זאל איהם געבן א שטיקל האלץ, אריינגעווארפן אינעם וואגן אריין א שטיקל האלץ, און ביינאכט האט ער אפגערעכט חצות, נאך חצות האב זיי שוין געוואוסט די ארימע לייט, זיי האבן איהם געלאזט אפן א טיר, פלעגט ער יעדן איינעם אריינווארפן האלץ אויפ'ן טאג, ער זאל האבן וואס צו הייצן![יב] - האט מיר דער שווער דערציילט די עובדא פון דעם אידן.

דו ווייסט וואס פאר א עבודה דאס איז?! ארומגיין ביטאג, צונויף נעמען אין די שטעטלעך, די שנייען זענען גרויס, און ביינאכט גיין, אין די פראסטן ארומגיין, און ער איז דער פערד, גייט ארום און ווארפט אריין האלץ, יענער זאל האבן דורכצוהייצן דעם טאג, ס'איז דאך געוואלדיג! כאחד מן הגדולים, כאחד מן הגדולים!

(אחד הנוכחים: נישט קיין וואונדער וואס ער האט געהאט אזא געפיל אינעם רבי'ן!) **אזעלכע עבודות געהאט! און דאס איז די פראסטע מענטשן - דעם רבי'נס! די פראסטע מענטשן האבן געהאט אזעלכע עבודות, האט איהם דען עמיצער געזאגט אז ער זאל אזוי טוהן? דאס איז דאך - פון זיך אליין ממציא געווען אזא מין סארט זאך, מחיה זיין ארימע לייט, ווינטער אמאליגע יארן די קעלט איז געווען געוואלדיג גרויס, מען האט נישט וואס צו הייצן, די קינדער זענען פארפרוירן, נישטא אביסל ווארעמ'ס, און מען לייגט אריין אין שטוב אריין האלץ, און האט דורכצוהייצן דעם טאג! יעדער טאג, יעדער טאג!**

דארטן (בעולם העליון) וועט מען זיך מיט איהם בארימען דארטן, "חזי במה ברא קאתינא לגבך".

(ר' נחמן בורשטיין: דער וועלט דערציילט אויף רבי משה לייב סאסוב'ער אז ער פלעגט טוהן אזוי) **נו, ער איז דאך געווען ר' משה לייב סאסוב'ער, ער איז דאך נישט געווען א פראסטער מענטש,** (א' מהנוכחים: ס'איז געווען אמאל א ווייב האט איהם געזעהן אריינווארפן די האלץ, ער איז געגאנגען ארומגעוויקלט אזוי מיט אזא פעלצל, מיט א קוטשמע אזוי אנגעטוהן, מען האט גארנישט געוואוסט אז ער איז א איד, ער האט נישט געוואלט מען זאל וויסן אז ער טוט עס, האט זי געזאגט, "רבוש"ע ס'זאל איהם נאר נישט גערעכנט ווערן די מצוה"...).

---

[יב] עי' שיש"ק ח"ד אות תקע"ב.

דער רבי האט דאך געזאגט:[יג] **"איך פיר מיינע מענטשן כאחד מן הגדולים"!** איך פיר מיינע מענטשן עפעס א וועג פון די גדולים! מען האט געזעהן טאקע די געפילן וואס עס האבן געהאט אונזערע לייט, געפילן ממש כאחד מן הגדולים, אזעלכע איידעלע געפילן האבן זיי געהאט!

זיי האבן געטוהן! ס'איז געווען א "חצות", און ס'איז געווען א "נאך חצות"!...

דער חצות האט ארויסגעוויזן אזעלכע מיני געפילן, דער חצות האט ארויסגעוויזן אזעלכע געפילן אין זיי!

מילא די פריערדיגע, ביים רבי'ן איז געווען ממש פראסטע מענטשן, דער אויבערשטער האט זיי געהאלפן מיט אזעלכע מיני (עבודות)! ממציא זיין אזא מין וועג!

(ר' נחמן בורשטיין: דאכט זיך "שבתי" אליין האט זיך אויך געפירט מיט אזא סארט הנהגה) **יא, ער** איז איז ארומגעגאנגען מיט א זאק ברויט (לחלק לעניים), א פראסטער מענטש געווען, גאר א פראסטער מענטש, און דארטן (למעלה בשמים) איז א געוואלדיגע חשיבות פון די פראסטע מענטשן!

(השואל: ער פלעגט גיין אלע נאכט צום רבי'נס ציון?) **יא ער איז געגאנגען אלע טאג, ער** פלעגט אזויפיל וויינען ביים רבי'ן אויפ'ן ציון, איך ווייס וואס ער האט געוויינט? צו ער האט געוואוסט פארוואס מען דארף וויינען? דא דארף מען וויינען און שוין! דא דארף מען וויינען! געוויינט, אביסל תהלים, דא דארף מען וויינען און שוין! זיי האבן געמאכט גוט!

❖ ❖ ❖

# 'שב לימיני'

וועלן מיר אביסל לערנען, (לומד בליקוטי מוהר"ן תו' נ"ה): **לְשׁוֹן רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אִיתָא בַּגְּמָרָא, אַבָּא שָׁאוּל אוֹמֵר, קוֹבֵר מֵתִים הָיִיתִי, פַּעַם אַחַת רַצְתִּי אַחַר צְבִי, וְנִכְנַסְתִּי בְּקוּלִית שֶׁל מֵת וְכוּ'**, אין די קוליא פון א מת, און דער צבי איז אריין אין די קוליא פונעם מת, בין איך נאכגעלאפן נאכ'ן הערש, בין איך אויך אריינגעגאנגען אין די קוליא פונעם מת, **וְרַצְתִּי אַחֲרָיו שָׁלֹשׁ פַּרְסָאוֹת**, איך בין נאך

[יג] עי' חיי מוהר"ן אות ש"ד.

געלאפן נאך איהם דריי פרסאות, און דעם צבי האב איך נישט געכאפט, און די קוליא האט זיך נישט אויסגעלאזט, אזוי גרויס איז געווען דער מת! **וּכְשֶׁחָזַרְתִּי לַאֲחוֹרַי, אָמְרוּ לִי שֶׁל עוֹג מֶלֶךְ הַבָּשָׁן הִיא**, דאס איז זיין קוליא, אזוי האט דערציילט אבא שאול.

זאגט דער רבי אזוי: **דַּע, כִּי לִרְאוֹת בְּמַפַּלְתָּם שֶׁל רְשָׁעִים אִי אֶפְשָׁר, אֶלָּא עַל־יְדֵי בְּחִינַת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל**, די בחינה פון ארץ ישראל, **בִּבְחִינַת: "שֵׁב לִימִינִי"** - דער פסוק דער אויבערשטער זאגט צו אברהם אבינו זעץ זיך אוועק ביי מיין ימין, **"עַד אָשִׁית אוֹיְבֶיךָ הֲדֹם לְרַגְלֶיךָ". יָמִין, זֶה בְּחִינַת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל**, ימין דאס איז ארץ ישראל, דאס איז דעם אויבערשטן'ס ימין. **בְּחִינַת בִּנְיָמִין, בֶּן יָמִין, שֶׁנּוֹלַד בְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.**

דער רבי זאגט דא א בחינה פון "אוועקזעצן זיך בארץ ישראל", "שב" - זעץ זיך אוועק! וואס איז דער לשון אוועקזעצן זיך? אוועקזעצן איז א קביעות! איינער אז ער שטייט, ער קומט אריין און שטייט, ער שטייט - ער וויל שוין אוועקגיין, אז ער זעצט זיך אוועק איז עס א קביעות!

זעץ זיך אוועק ביי מיין 'ימין'! מיין 'ימין' איז ארץ ישראל, עד אשית אויבך הדום לרגלך!

❖

קומט פון דאנעט אויס, אז דער ענין פון ארץ ישראל, אפילו אונז - מיר זענען אין ארץ ישראל, פארגעסן מיר אינגאנצן אז מיר זענען אין ארץ ישראל! 'ארץ ישראל' איז אזא מין סארט קדושה, אז ווען מען דערמאנט זיך נאר אז מען איז אין ארץ ישראל איז עס שוין מסוגל צו אסאך זאכן! נאר דערמאנט זיך! מען פארגעסט דאך אינגאנצן אז מען איז אין ארץ ישראל, מיר זענען דאך דא! פארגעסט מען אינגאנצן.

אזא מין קדושה ליגט אין ארץ ישראל! ר' אברהם ר' נחמן'ס פלעגט טאקע זאגן: **אז ער דערמאנט זיך, וואו גיי איך? אין ארץ ישראל! וואו זיין איך? אין ארץ ישראל! וואו שטיי איך? אין ארץ ישראל!**

מען זאל נאר אינזינען האבן אז מען איז אין ארץ ישראל, נאר דער געדאנק אליין איז שוין מסוגל צו אסאך זאכן!

'זעץ זיך אוועק'! שב לימיני, זעץ זיך אוועק דארטן, זעץ זיך אוועק אין ארץ ישראל, דו ביסט דאך אין ארץ ישראל, זיץ אין ארץ ישראל! דא ווינטשט מען אז מען זאל האבן א גוטן ישוב, זיץ אין ארץ ישראל, זיץ!

זיץ אין ארץ ישראל - דאס איז שוין עפעס אנדערש! זיצן אין ארץ ישראל דעמאלטס איז שוין מסוגל מען זאל טראכטן גוטס, און מען זאל קוקן אויף גוטס, מען זאל רעדן גוטס,[יד] זיץ אין ארץ ישראל!

❖

# 'ה' עליהם יחיו'

דער רבי זאגט אין תורה מ"ז, ארץ ישראל איז די זאך פון תפילין! פלעגן אונזערע לייט זאגן, אז פון תפילין טאר מען נישט מסיח דעת זיין, אז מען גייט אנגעטוהן די תפילין, (די זעלבע זאך) אז מען איז אין ארץ ישראל (איז אזוי ווי) גייט מען אנגעטוהן תפילין!

ארץ ישראל איז די זאך פון תפילין, 'ארץ החיים', חיים איז דאך תפילין, "ה' עליהם יחיו", זאל מען געדענקען אז מען איז אין ארץ ישראל!

דאס אליין איז א געוואלדיגע זאך, א געוואלדיגער כח, דער רבי רעדט אין א תורה, אז "ארץ ישראל" מיט'ן "צדיק" איז גאר איין זאך! - אין די תורה "ארץ אוכלת יושביה".[טו]

אזוי ווי מען דערמאנט זיך אינעם צדיק, מען איז זיך מקשר צום צדיק, איז עס מסוגל צו אסאך זאכן, אזוי איז ארץ ישראל! אז מען רעדט נאר פון ארץ ישראל, מען האט נאר אינזינען ארץ ישראל, מען טראכט פון ארץ ישראל, דאס איז א געוואלדיגע זאך!

❖

[יד] עי' תו' קנ"ה, ושבחי הר"ן אות כ"ב.

[טו] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' קכ"ט.

"שב לימיני עד אשית אויביך", אברהם אבינו האט געהאט זייער אסאך שונאים, נמרוד מיט'ן קאלעך אויוון, מען האט אנגעטוהן צרות, מען האט איהם געיאגט, די פיר מלכים, ער האט געהאט געוואלדיגע רדיפות, זאגט איהם דער אויבערשטער: "שב לימיני עד אשית אויביך הדום לרגליך", זעץ זיך אוועק!

עס גייט ארויף אויף דוד המלך'ן אויך, דוד המלך האט אלע יארן געהאט שונאים, פון גרויסע ערליכע אידן האט ער געהאט שונאים, 'שב לימיני', בשעת ער איז אנטלאפן דארט קיין מואב - "כי גרשוני היום מהסתפח בנחלת ה' לאמר לך עבוד אלהים אחרים",[טז] ער האט געמוזט אנטלויפן פון ארץ ישראל.

עפעס א כח פון ארץ ישראל, עפעס אזא מין כח האט עס ארץ ישראל! מען זאל זיך אוועקזעצן, דאס איז דעם אויבערשטן'ס ימין, דאס איז דעם אויבערשטן'ס ימין!

❖

יעדע זאך איז אזוי, יעדע זאך וואס מען האט אין זיך, איז דער חילוק נאר צו איך געדענק די זאך - צו איך געדענק נישט די זאך.

מיר האבן דעם "צדיק", מיר רעדן דאך פון איהם, אז איך האב איהם ביי זיך, איך רעד אין איהם, איך טראכט אין איהם, האב איך איהם!

איך וויים, מען ווייסט אז מען איז א ברסלב'ער חסיד, אבער זעץ זיך אוועק לעבן איהם! זעץ זיך אוועק, דאס איז א "קביעות", האב איהם אינזינען! רבי נתן שרייבט:[יז] "אשרי לו - אז זיין מחשבה איז משוטט אינעם רבי'נס דיבורים"!

זעץ זיך אוועק! וועסטו זעהן אז די אלע זאכן וואס ס'איז מסוגל התקרבות לצדיק, וועסטו זעהן אז ס'ברענגט דערצו! נאר וואס דען? נאר זעץ זיך אוועק, האב א קביעות אין דערינען!

מיר זענען ברוך השם אין ארץ ישראל, נאר אינזינען האבן ארץ ישראל, און זיצן אין ארץ ישראל, דאס איז גאר א אנדערע זאך!

---

[טז] שמואל א' כ"ו י"ט, עי' גמ' כתובות דף ק"י ע"ב.

[יז] עי' חיי מוהר"ן אות פ"ג: כִּי הוּא זְכוּת גָּדוֹל לְהָאָדָם כְּשֶׁזּוֹכֶה שֶׁיִּהְיוּ מַחְשְׁבוֹתָיו מְשׁוֹטְטוֹת בְּדִבְרֵי רַבֵּנוּ ז"ל הַקָּדוֹשׁ וְהַנּוֹרָא מְאֹד, אֲשֶׁר אֵין עֲרֹךְ אֵלָיו.

אונזערע לייט פלעגן זאגן, אז דער רבי האט זוכה געווען ביים אויבערשטן, **"אז מען רעדט פון איהם, האט מען א הרהור תשובה"!**[יח] אז מען רעדט פונעם רבי'ן, האט מען א הרהור תשובה!

דאס אייגענע איז ארץ ישראל אויך! נאר וואס דען? זיץ אין ארץ ישראל, זיי א ארץ ישראל'דיגער איד, זיי א ארץ ישראל'דיגער איד! א ארץ ישראל'דיגער איד איז שוין עפעס אנדערש; עס שטייט מיר אן אזוי צו קוקן?! אזוי צו טראכטן?! איך בין דאך עפעס א ארץ ישראל'דיגער!

❖

# 'לגלות קדושתה'

זאגט דער רבי (ממשיך בתורה נ"ה): **וּלְהַמְשִׁיךְ בְּחִינַת קְדֻשַּׁת אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל, עַכְשָׁו בַּגָּלוּת שֶׁהִיא תַּחַת יַד הַסִּטְרָא אָחֳרָא**, סטרא אחרא נאך אינעם רבי'נס צייטן! **וְאֵין יְכֹלֶת בִּקְדֻשָּׁתָהּ לְהִתְגַּלּוֹת, אַף־עַל־פִּי־כֵן** - זאגט דער רבי - קען מען מגלה זיין, און ממשיך זיין קדושת ארץ ישראל, **אֲפִלּוּ בַּגָּלוּת הַמַּר הַזֶּה**, קען מען!

דאס איז אויך א זאך, דער בעל דבר וויל זאגן, אז היינט - ס'איז נישט ארץ ישראל! ס'איז נישט דער! **"דא איז ארץ ישראל"!**

(ר' נחמן בורשטיין: דער רבי האט געזאגט: "די שטיבער מיט די הייזער"!)[יט]

(השואל: ר' אברהם ר' נחמן'ס פלעגט זאגן "ארץ ישראל איז א ארץ ישראל'דיגע קדושה און א ארץ ישראל'דיגע בעל דבר"?), אמת טאקע אז דא אין ארץ ישראל איז טאקע איצטער דא אוודאי א גרויסע התגברות פון די (קליפות) - אוודאי איז דא, ס'טוהט זיך וואס ס'טוהט זיך, אבער ארץ ישראל איז ארץ ישראל!!

דער "אוירא דארץ ישראל מחכים" וואס די גמרא זאגט, ברענגט דער רבי אין א תורה,[כ] 'פארוואס איז "אוירא דארץ ישראל מחכים"? ווייל "תמיד עיני ה' אלקיך בה", און "עינים על שם החכמה נאמר" - זאגט די גמרא; אז "עיני ה'" איז תמיד דא

---

[יח] עי' שיש"ק ח"ב אות מ"ז.

[יט] עי' חיי מוהר"ן אות ט"ו, ימי מוהרנ"ת ח"ב אות ב'.

[כ] עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא תו' מ'.

אין ארץ ישראל, איז "אוירא דארץ ישראל מחכים"! - דאס איז היינט אויך! כאטש דער אויר איז אביסל נישט אזוי - אבער דער "אוירא דארץ ישראל מחכים" איז היינט אויך דא! נאר וואס דען? ס'קען זיין אז היינט דארף מען מערער אויפדעקן, ס'איז מער פארדעקט!

די "תורה הקדושה", די תורה הקדושה איז אוודאי פארדעקט, מיט אזעלכע לבושים פארדעקט און פארדעקט און פארדעקט! און דער רבי זאגט דארטן:[כא] "אבל מי שכופה את יצרו, גייט אראפ די לבושים"! - אין תורה ל"ג.

צדיקים וואס זיי זענען כופה יצרם, ביי זיי דעקט זיך ארויס די תורה הקדושה, די אותיות התורה שיינען ארויס!

אזוי איז, אז די קדושה איז נישטא - דאס טאר מען נישט זאגן! נאר וואס דען? זי איז פארדעקט, ווערט זי פארדעקט, דארף מען זי אויפדעקן!

זאגט דער רבי - מען קען זי אויפדעקן! כאטש זי איז דאך "תחת יד הסטרא אחרא ואין יכולת בקדושתה להתגלות", אף על פי כן - זאגט דער רבי - מען קען זי יא מגלה זיין, "אפילו בגלות המר הזה"!

❖

## 'שמצידו לא יהיה עיכוב משיחא'

דאס אליין איז א געוואלדיגע ידיעה, דו זאלסט וויסן - דו זאלסט זיך נישט צוהערן צו די ווערטער וואס זאגן אז איצטער איז אוים ארץ ישראל, אז ס'איז נישטא קיין ארץ ישראל! איצטער איז אויך ארץ ישראל!!! "תמיד עיני ה' אלקיך בה" איז איצטער אויך! און די אלע הייליגע דיבורים וואס מען רעדט פון ארץ ישראל איז איצטער אויך דא! נאר וואס דען? ס'איז פארשטעלט! דארף מען מער גראבן, און מער זוכן!

און דער צדיק אליין איז דאך אויך דאס אייגענע, ער איז דאך אויך פארשטעלט, פארשטעלט, פארשטעלט, דער ליקוטי מוהר"ן, אז מען עפנט דעם ליקוטי מוהר"ן

[כא] תו' ל"ג אות ג'.

שיינען די ווערטער? די אותיות שיינען מיר?! פארוואס? איז דאך אויך ווייל ס'איז פארשטעלט![כב]

איך זאל אנהעגנגען אין יענעם, אז איבער יענעם איז עס פארשטעלט, נאר איך בין נישט שולדיג, - טויג עס אויך נישט! איך האב אויך א חלק דערין! אין דעם פארשטעלאכטס האב איך אויך א חלק, איך האב אויך א חלק פארוואס ס'איז פארשטעלט!

די תורה הקדושה, פארוואס שיינען מיר נישט די אותיות התורה, און אן אנדערן האבן זיין יא געשיינט, און מיר שיינט עס נישט? פארוואס?! ווייל איך האב אויך א חלק דערינען! ווען איך זאל נישט האבן קיין שום חלק אין דער פארשטעלאכטס וואלט מיר עס אויך געשיינט! איך האב אויך א חלק!

רעד דיך נישט איין אז דו ביסט אינגאנצן ריין, דער רבי זאגט אין א תורה:[כג] יעדער איינער דארף זעהן שמצידו זאל נישט זיין קיין עיכוב אויף ביאת משיח! דער רבי זאגט דארט קעגן פגם הברית:[כד] משיח קען נישט ליידן קיין ריח ניאוף!

ווער קען זיך בארימען זיך אז ער איז נישט מעכב ביאת משיח?! איז וואס דארף איך רעדן - אז יענער איז מער מעכב פון מיר?! איינמאל, וויים איך נישט ווער ס'איז מער מעכב, אפשר בין איך מער מעכב?! אבער איך בין דאך אויך מעכב, איך בין דאך אויך מעכב! דארף איך דאך זעהן אז איך זאל נישט זיין דער מעכב, איך זאל נישט מעכב זיין!

אז איך וועל רעדן אז איך בין אויך מעכב, איז לא ימלט - עפעס אביסל, אבער אז איך וועל זאגן אז יענער איז שולדיג - איך בין א צדיק, וואס בין איך שולדיג? מצידי קען קומען משיח! איך בין נישט מעכב... - אז איך וועל זאגן די ווערטער, בין איך דאך א ליגנער, א שקרן! וואס הייסט דו ביסט נישט מעכב? דו ביסט נישט מעכב?!

❖

[כב] עי' חיי מוהר"ן אות שנ"ב.

[כג] עי' תו' ע"ט.

[כד] עי' תו' ל"ב תניינא.

# 'ואף גם זאת בהיותם בארץ אויביהם'

דער רבי זאגט דאס דאזיגע - א געוואלדיגע התחזקות וואס דער רבי זאגט - אז איצטער קען מען אויך אויפדעקן קדושתה, אפילו בגלות המר הזה - קען מען אויך אויפדעקן! ס'איז שווער, אבער מען קען, מען קען אויפדעקן!

**בְּבְחִינַת "וְאַף גַּם זֹאת בְּאֶרֶץ אֹיְבֵיהֶם", הַיְנוּ אֲפִלּוּ בְּגָלוּת הַמַּר, יְכוֹלִין לְגַלּוֹת בְּחִינַת גַּם זֹאת.**

"גם זאת" מיינט מען "חלה", דער רבי זאגט ווייטער,[כה] מ"ג ביצים דאס איז דער שיעור חלה, און חלה דאס איז די ערשטע מצוה - אז מען איז געקומען אויף ארץ ישראל איז געווען די מצוה פון חלה, די בחינה פון "גם זאת" הייסט ארץ ישראל, אפילו בארץ אויביהם קען מען אויך מגלה זיין די בחינה פון "גם זאת"!

דער רבי מיינט דאך אפילו - נישט נאר אין ארץ ישראל, אפילו אין חוץ לארץ קען מען אויך מגלה זיין די קדושת ארץ ישראל! "בארץ אויביהם", אפילו בארץ אויבידהם קען מען מגלה זיין דעם "גם זאת" - ארץ ישראל!

דער רבי רעדט טאקע אזוי - אפילו אין חוץ לארץ, בפרט אין ארץ ישראל, קען מען דאך אוודאי מגלה זיין קדושתה!

און מגלה זיין קדושתה - מען זאל זיין א ארץ ישראל'דיגער איד - דאס איז שוין עפעס אנדערש! געדענקען: "איך גיי אין ארץ ישראל", אז איך גיי ארוים אינדרויסן - "איך גיי אין ארץ ישראל", אז איך גיי אין ארץ ישראל - דארף איך היטן דעם געדאנק, איך גיי אין ארץ ישראל - דארף איך היטן די אויגן, איך גיי אין ארץ ישראל - דארף איך היטן דעם דיבור! איך רעד אין ארץ ישראל!

❖

[כה] עי' אות ח'.

# 'איש תם'

ר' אברהם ר' נחמן'ס שטייט אויף די מצבה, "פה נטמן ר' אברהם ב"ר נחמן הלוי מארץ ישראל", מען האט איהם גערופן "ר' אברהם פון ארץ ישראל", עס שטייט אנגעשריבן אויף די מצבה, "מארץ ישראל", א ארץ ישראל'דיגער איד!

(השואל: ער האט אזוי געזאגט מען זאל שרייבן?) איך ווייס נישט צו ער האט געוואלט מען זאל שרייבן מארץ ישראל, ווען מען האט האט געשריבן אויפ'ן פאטערס מציבה, "פה נטמן 'איש תם' ר' נחמן ב"ר אברהם הלוי", האט ר' אברהם געזאגט: מען וואלט נישט געדארפט שרייבן קיין "איש תם", ווייל מען שרייבט נאר דעם נאמען אליין, נו - דער טאטע איז געווען א איש תם! אבער ער האט נישט מסכים געווען וואס מען האט געשריבן איש תם! איז אויף זיך אליין?! (לא היה מסכים שיכתבו עליו איזה דבר חוץ משמו).

ער איז געווען א ארץ ישראל'דיגער איד, מכף רגל ועד ראש איז ער געווען פול מיט ארץ ישראל! אזוי ווי ער איז געווען פול מיט'ן רבי'ן, איז ער געווען פול מיט ארץ ישראל!

ער איז געווען א ארץ ישראל'דיגער איד טאקע, אזוי ברענעדיג ווי ער האט גערעדט, אז ער האט זיך צורעדט פון ארץ ישראל האט זיך אין איהם אנגעצונדן א פייער, אזוי געברענט פון ארץ ישראל, א געוואלד א געוואלד!

און אז ער איז געקומען אהער צו דא (בארץ ישראל) - דא האט ער געברענט צום רבי'ן, האט ער געפלאקערט צום רבי'ן!

ס'איז גאר איין זאך, ארץ ישראל מיט'ן צדיק איז איין זאך, און דער וואס פילט די קדושת הצדיק - פילט די קדושת ארץ ישראל אויך, ס'איז איין זאך! (אחד הנוכחים: אין ביאור הלקוטים שרייבט ר' אברהם ר' נחמן'ס: "אזוי ווי מען קען נישט מקבל זיין דעם רבי'נס אור נאר דורך ר' נתן'ען, אזוי אויך קען מען נישט מקבל זיין דעם רבי'ן נאר דורך ארץ ישראל") יא יא![כ]

---

[כ] עי' השמטות שבסו"ס ביאור הליקוטים: כמו שאין ביכולת לקבל מאדמו"ר ז"ל זולת באמצעות מורנ"ת ז"ל, כי בו לבד נשפע מנשמת ודעת רבינו ז"ל להיות ביכולת לקבל מאתו. כן בענין ארץ ישראל, כי בה לבד נשפע וניתן מאור ודעת אדמו"ר ז"ל, להיות ביכולת לקבל מאתו.